№ 48 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאדזער טאגעבלאט

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר, 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעסן פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, טווארדא 23, טעל. 17-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און חתונה-אנאנסען 1.50 — לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

25 פעברואר (10 מערץ) 1914. דינסטאג י"ב אדר תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג.

„הזמיר" דזיעלנא 18 קאנצערט-זאל דזיעלנא 18 „הזמיר"
שבת ט"ו אדר (1/14 מערץ) וועט פארקומען
א גרויסער פורים-קאסטיומען-באל
אונטער'ן טיטול „א נאכט אין אחשורוש'ס פאלאץ"
פראגראם: 1) כאר אונטער לייטונג פון ל. קאפף. 2) א גרויסע פאנטאמימע „אסתר" מיט באלעט און מוזיק. 3) טענץ.
די דעקאראציעס פונ'ם זאל און די צייכנונגען פאר קאסטיומען אין ספעציעלען פערסיש-אסירישען סטיל ווערען אויסגעפיהרט דורך די בעוואוסטע קונסט-מאלער ארטור שיק און מאקס חאנצמאן. 6214 5 3
אנפאנג 10 אוהר אבענדס. בילעטען צו 3 רובל און פאר מיטגליעדער צו 2 רובל איז צו בעקומען אין פעראיינס-לאקאל פראמענאדע 21. טואלעטען: באלאנע אדער קאסטיומען.

טעאטער „סקאלא" צעגעלניאנא 16
פורים דעם 12|27 פעברואר אום 3 אוהר נאכמיטאג וועט פארקומען א גראנדיעזער פורים
העברעאישער פורים-אווענד פאר קינדער און ערוואקסענע
מיט זעהר אנ'אינהאלט'ס-רייכען פראגראם וועלכע בעשטעהט פון פאלגענדע 4 גרויסע אבטיילונגען:
די ערשטע 2 טיילען פונ'ם פראגראם וועלען אויסגעפיהרט ווערען דורך די קינדער און שילער פון דעם ערשטען העברעאישען „גן ילדים" (פרעבעל-שולע) פון ש. ק. פיינשטיין מיט זייער בעסטען רעפערטואר ווי צום ביישפיעל: זמר לפורים, שלום עליכם יהודי, שלשה אבות, חזקאלי, שירת הרועה, הסנאי בהרף, על ההרים ביהודה און נאך פיעל אנדערע.
3) פערשיעדענע העברעאישע דעקלאמאציאנס נומערן ווי אויך א נייע פורים-קאמעדיע אין איין אקט מיט'ן נאמען „אחשורוש" פון י. ק.
4) אם ענדע וועט פארגעשטעלט ווערען צום ערשטען מאל די בעוואוסטע דראמאטישע פאעמע „ראשונים" פון יצחק קאצענעלזאהן.
בעמערקונג: בילעטען איז צו בעקומען טעגליך אין ביכער-געשעפט פון ה' מיטלער פעטריקויער שטר. № 46 און אין טאג פון פארשטעלונג אין קאסא פון טעאטער „סקאלא" פון 10 איהר פריה ביז ענדע פארשטעלונג. קינדער אים עלטער פון 6 יאהר מוזען פארצאהלען בילעטען.

די רעכטע געגען פינאנץ-מיניסטער.

נייע יודישע גרושים אין קורלאנד.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) די היעזיגע רעכטע צייטונגען האבען אבגעדרוקט שארפע ארטיקלען, וואו זיי פאלען שטארק אן אויפ'ן פינאנץ-מיניסטער בארק דערפאר, וואס ער האט זיך אבגעזאגט פון דער „פאטריאטישער אידעע" צו נאציאנאליזירען דעם קרעדיט.

שפיעלען יא. אבער וואוינען נים.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) די היעזיגע מאכט האט ערלויבט א יודישע טרופע צו געבען א ריהע יודישע פארשטעלונגען אין קיעוו, עס איז זיי אבער נים ערלויבט געווארען צו וואוינען אין קיעוו אין דער צייט פון זייערע גאסטראליען. די יודישע ארטיסטען האבען איינגעפונען אז אויף אזא אופן וועט זיי אונמעגליך זיין צו שפיעלען און האבען זיך אבגעזאגט צו קומען קיין קיעוו.

ענטזאגט א פאליציימייסטער.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) אין צוזאמענהאנג מיט דער ענטדעקונג פון געפעלשטע יודישע מעטריקעס אויף צו געבען זיי וואוינרעכט אין קיעוו איז דער היעזיגער פאליציימייסטער סקאלאן אראב אין דעמיסיע.

נייע גרושים.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) די אדמיניסטראציע האט ווידער אנגעהויבען ארויסצושיקען פיעל יודען פון פערשיעדענע מקומות אין קורלענדער גובערניע און גלייכצייטיג ווערט געגען זיי פערפיהרט א פראצעס לויט דער 1171-טער סטאטיא פון שטראף-קאדעקס.

פערבאטען דעם פרויען-טאג.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) פון מאסקווא איז דערהאלטען געווארען א טעלעגראפישע מיטטהיילונג, אז די דארטיגע אדמיניסטראציע האט פערבאטען דעם פרויען-טאג, וואס איז ארגאניזירט געווארען דורך די ארבייטער-פערבאנדען.

די „פעראייניגטע דוואריאנעס" ארבייטען.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) אויף א בעראטונג פון די פעראייניגטע דוואריאנעס איז אויסגעארבייט געווארען א פראיעקט צו פערווערען יודען צו האלטען קריסטליכע דיענערשאפט. דער דאזיגער פראיעקט ווערט רעפערירט ווערען אויפ'ן דוואריאנעס-צוזאמענפאהר, וואס וועט די טעג פארקומען. די קאוונער און מינסקער דוואריאנעס האבען זיך ארויסגעזאגט געגען דעם פראיעקט.

אן אינצידענט צווישען עסטרייך און טשערנאגאריען.

צעטיניע (פ.) אפיציעל ווערט מיטגעטהיילט, אז דעם 24 פעברואר האט אנ'עסטרייכישער באטאליאן געמאכט אנ'אנפאל אויף סענקאנס און פערנומען די טשערנאגארישע פאזיציע, דער באטאליאן האט אויך גענומען אויף דער טשערנאגארישער קאזארמע אין מעטאלקא. דערביי זענען עטליכע סאלדאטען דערהרג'עט און פערוואונדעט געווארען. די רעגיערונג האט ערקלערט א פראטעסט דעם עסטרייכישען באטשאפטער.

א שטורמישע פארלאמענטס-זיצונג.

לאנדאן (פ.) אין פארלאמענט איז נעכטען פארגעקומען זעהר א שטורמישע זיצונג. עס איז בעטראכט געווארען דער געזעצפראיעקט וועגען „האמרול".

א פאליטישער פראצעס.

לעמבערג (ספ.) נעכטען האט זיך אין היעזיגען געריכט אנגעהויבען די בעטראכטונג פון דעם גרויסען פאליטישען פראצעס, וואס איז פערפיהרט געווארען געגען דעם זשורנאליסט בענדאסיוק מיט זיינע קאלעגען, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען פראפאגאנדירט אבצורייסען גאליציע און בוקאווינא פון עסטרייך-אונגארן.

נאך לאנגען, שווערען ליידען פערשיעד זאנטאג נאכטס
נ"ע ב"ר יצחק אברהם יאהרבלום
(אים אלטער פאן 83 יאהרען).
די לויה ווירד פארקומען היינט דינסטאג (דען 10 מערץ) אום 2 אוהר נאכמיטאג פון טרויער-הויז, פעטריקויער № 120
די טיפטרויערנדע הינטערבליעבענע.

בעקאנטמאכונג.
מיטוואך דעם 18-טען מערץ, 7 אוהר אבענדס וועט פארקומען די:
גענעראל-פערזאמלונג פון פעראיין „הכנסת כלה"
אין פעראיינס-לאקאל פאלודניאווא 15, צו וועלכער אלע מיטגליעדער העפליכסט איינגעלאדען ווערדען.
די פערוואלטונג.
אנמערקונג: פאלס צו דער פערזאמלונג וועט ניט ערשיינען די ערפארדערליכע צאהל מיטגליעדער, ווירד די צווייטע פערזאמלונג פארקומען מיטוואך ד. 25 ד"מ בע יעדער צאהל. 4784

Dr. D. ALTERMAN
דר. ד. אלטערמאן
נאוואמיעסקא 6, טעלעפ. 84-10.
איננערע קראנק. הערץ- און לונגען-קראנקהייטען. עמפפאנגט ביז 11 אוהר פריה און פון 5—6 נאכמיטאג. *1740

לעצטע לאדזער נייעס.

אדרייסטער באנדיטען-אנפאל

(ג) נעכטען ארום 12 אזייגער ביי טאג זענען צוויי בעוואפענטע באנדיטען אויף טארגאווי-מארק אנגעפאלען אויף דעם אינקאסענט פון דער פירמע „א. שילדע" רודאלף דזשיארטשיק און סטראשענדיג איהם מיט'ן טויט האבען זיי ביי איהם צוגערויבט 1000 רובל, וועלכע געהערען צו דער אויבענדערמאנטער פירמע. וועגען אנפאל האט דער געליטענער מיטגעטהיילט דער געהיים-פאליציי, וועלכע האט אנגענומען די געהעריגע מיטלען די באנדיטען צו געפינען.

א טראגעדיע פון א יודישער פאמיליע.

אויף מארושינער 17 (באלוט) געפינט זיך א פאמיליע אין דער גרעסטער נויט אין אנ'אויסערגעוועהנליכער טראגישער לאגע.

די מוטער פון דער פאמיליע איז מיט א צייט צוריק געשטארבען און דער פאטער איז א קראנקער איבערגעבליבען מיט 6 קליינע קינדער. דער פאטער איז דאן קראנק געווארען אויף א טיפוס און נישט האבענדיג קיין מיטלען צו פלעגען זיך, איז איהם נאך דער קראנקהייט איבערגעבליבען א שווערע נערווען-קראנקהייט.

די טראגעדיע פון דער פאמיליע איז אנ'אונגעהייערע און עס וואלט געווען א יושר, אז בארמהערציגע מענשען זאלען זיך מרחם זיין אויף די קינדער און אויך אויפ'ן קראנקען פאטער און זיי העלפען.

אבגעלעגטע פערזאמלונגען.

(ג) נעכטען אין אווענד האבען געזאלט פארקומען די יעהרליכע פערזאמלונגען: פון פרויען הילפס-פעראיין „פאמאץ" אין איינענעם לאקאל (פאלודניאווא № 20); פון פעראיין „לינת אורחים" אין וויקטאריא-זאל (דלוגא 45) און פון „דראגיסטען-פעראיין" אין איינענעם לאקאל (פעטריקאווער 56) ווייל צו די פערזאמלונגען איז נישט געקומען די גענינענדע צאהל מיטגליעדער זענען זיי אבגעלעגט געווארען אויף צוויי וואכען, אויסער די פערזאמלונג פון „לינת אורחים" וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגען מאנטאג.

פון „חסד של אמת".

אין אונזער נעכטיגען נאטיץ פון „חסד של אמת" איז על פי טעות געדרוקט געווען, אז די פערוואלטונג פון פעראיין האט בעשלאסען איינצוארדנען א פורים-באל און ארויסצושיקען פורים-קארטען, עס דארף צו זיין: „די פערוואלטונג פון פעראיין האט בעשלאסען אנשטאט א פורים-באל ארויסצושיקען פורים-קארטען".

א טויטער קערפער פון א יוד.

פרייטאג פריה האט מען געפונען דריי ווערסט פון שעראדז א טויטען קערפער פון א דערהרג'עטען יודען. ביי'ם ערמארדעטען האט מען קיין שום דאקומענטען נישט געפונען. מען האט איהם געבראכט קיין שעראדז. די פאליציי פיהרט א שטרענגע אויספארשונג.

נעקראלאג.

אין א טיעפע עלטער פון 83 יאהר איז נעכטען געשטארבען אין אונזער שטאדט א זעלטענע יודישע פערזענליכקייט ר' יצחק יאהרבלום ז"ל, דער פערשטארבענער, אנ'אנגעזעהענער ווארשעווער סוחר איז געווען אנ'אייגענער יוד פון פערגאנגענעם דור, א יוד וואס האט אין זיך פעראייניגט תורה מיט חכמה, ער האט געהאט א גוט הארץ, און פלעגט אונטערשטיצען פיעל נויטבעדערפטיגע און העלפען ליידענדע און ווען מען האט זיך צו איהם געווענדעט מיט א ביטע האט ער קיינמאל נישט אבגעזאגט. חבל על דאבדין.
תנצב"ה.

געגען נישט דיפלאמירטע אקושערקעס.

די פערוואלטונג פון דער לאדזער אקושערקעס-פעראיין האט זיך געווענדעט צום פעטריקאווער גובערנאטאר מיט א השתדלות, אז ער זאל ארויסגעבען א פעראררדנונג צו דער לאדזער פאליציי-מאכט, אז ס'זאל איינארדנען א שטרענגע קאנטראל איבער די נישט דיפלאמירטע אקושערקעס, די אזוי-גערופענע „באבעס", וועלכע זענען אין אונזער שטאדט פאראן אין א גרויסער צאהל.

דער פורים-באל פון האנדווערקער-קלוב.

דער אינטערעס צום פורים-באל, וועלכער וועט פארקומען שבת, דעם 14 מערץ אין ענגלישען זאל לטובת דעם יודישען האנדווערקער-קלוב, וואקסט מיט יעדען טאג און דער בילעט-פערקויף איז זעהר א לעבהאפטער.

דאס פראגראם פון באל וועט ווירקליך זיין אינטערעסאנט און פערשיעדענארטיג. א גרויסער מענער-כאר אונטער דער לייטונג פון יונגען מוזיקער ה' קאהן וועט אויספיהרען א ריהע פאלקסליעדער און מאדערנע קאמפאזיציעס. אויך סאליסטען, בעקאנטע זינגער און מוזיקער וועלען זיך בעטייליגען אין פראגראם. דעם הומאריסטישען טייל וועלען אויספיהרען בעוואוסטע ארטיסטישע קרעפטען, ליעבלינגע פון לאדזער פובליקום.

דער פורים-אווענד פון „הארפע"

דער פורים-אווענד פון מוזיקאלישען פעראיין „הארפע", וועלכער וועט פארקומען דאנערשטאג, פורים אין אווענד אין ענגלישען זאל, פערשפרעכט צו זיין גאנץ אינטערעסאנט.

דער אווענד וועט טראגען א פאלקסטימליכען כאראקטער און דאס פראגראם וועט בעשטעהן פון איינינע אינטערעסאנטע מוזיקאלישע, ווי אויך ליטערארישע נומערן. עס וועלען ארויסטרעטען איינינע בעקאנטע ארטיסטע זינגער מיט יודישע פאלקסליעדער און אלגעמיינער מוזיק, ווי אויך איינינע בעקאנטע דעקלאמאטארען און פארלעזער.

נאכ'ן פראגראם וועלען פארקומען טענץ און פערשיעדענע פערוויילונגען.

— (ג) היינט ארום 6 אזייגער פארנאכט וועט אין איינענעם לאקאל (פעטריקאווער 48) פארקומען די יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון דער „לאדזער געגענזייטיגער קרעדיט-געזעלשאפט" אין פאל די פערזאמלונג וועט נישט צושטאנד קומען, וועט זי פארקומען אין צווייטען טערמין דעם 24-טען מערץ אין קאנצערט-זאל אויף דזיעלנא 18.

Fela Helfgoth
Herman Herschkowicz
Verlobte 4739
Lodz, im März 1914.

הינדע ראזענבלום
שמעון ראבווערגער
פערלאבטע. 4848
לאדז אים מערץ 1914

וויכטיג פיר גלובנע גאס און איהר געגענד.
די דיפלאמירטע פון יוריעווער אוניווערזיטעט
אקושערקע
רבקה באַרישאנסקע-באטווינאק
מיט 18-יאהריגע פראקטיק וואהנט יעצט אויף גלובנע 41. היילט און גיט ראטה. פיר ארמע טעגליך פאן 5 ביז 7 אבענדס.
*5256 4 2

Dr. Hugo Goldblatt
לייטער דער אויגענקליניק דעם בלינדען-קוראטאריומס
פעטריקויער שטר. 79
שפרעכשטונדען פון 11—1 און פון 5—7.

די פרעסע-אויסשטעלונג פאר 1913.

(פון אונזער פעטערבורגער קארעספאנדענט).

זי האט נעבעך ניט קײן מזל, די פרעסע-אויסשטעלונג, וואס די הויפט-פערוואלטונג פאר פרעסע-ענינים אר-דענט אײַן — און ניט אומזיסט שמועסט מען פון יאהר צו יאהר, אז מען אר-דענט זי שוין אײַן דאס לעצטע מאל. אבער דערווײַל איז נאך מיט חסר: מען האט זיך, קענטיג, מרחם געווען אויף די עטליכע גימנאזיסטען, אפיציערען און עלטערע דאמען (סך-הכל א צעהנדליגג מענשען) וואס קומען צו געהן אלע טאג אויף דער אויסשטעלונג — און מען האט צו הײַ-יאהר ווידער געעפענט פאר׳ן פובליקום.

כ׳לעבען א שאד, וואס מען אינטע-רעסירט זיך דא אזוי ווענינ דערמיט. פארהאן דא, אין די 4—5 זאלען, אהן א שיעור זאכען, פון וועלכע מען קאן א סך לערנען. אויב איהר האט נאר אנ׳אפען אויג, איז פאר אײַך די אויס-שטעלונג א מין סך-הכל, א מין איבער-בליק איבער׳ן גײַסטיגען לעבען פונ׳ם לאנד פאר׳ן יאהר. איהר ווערט דא געוואהר וועגען נײַע שטרעמונגען אין דער ליטעראטור, וועגען נײַע פאדערונ-גען, וואס דאס לעבען האט ארויס-געררוקט.

נעהמט, למשל, די נײַע אבטײַלונג „פוטוריזם", וואס איז פאראיאהרען נאך גארניט געווען בנמצא — אדער, להבדיל, די אונצעהליגע בראשורען און ביכער וועגען דעם „בלוט-בלבול"; צי איז דאס ניט א שטיק קולטור-געשיכטע? אדער טהוט נאר א קוק אויף דער רוסישער קונסט-ליטעראטור, וואס איז נאר וואס, קאן מען זאגען, געבוירען געווארען — און איהר ווייסט דערזעהן, ווי ס׳פײַנט זיך אויס פאמעליך דער גע-שמאק פונ׳ם רוסישען אינטעליגענט, וואס איז מיט עטליכע יאהר צוריק נאך גאר ניט געווען אימשטאנד אויפצו-נעהמען אזא מין גײַסטיגע שפײַז.

בקיצור, איהר האט דא פאר זיך אנ׳אמת׳ן שפיגעל, אויב ניט פונ׳ם לעבען, איז פון די שטימונגען און פאדערונגען פונ׳ם ביכער-לעזענדיגען עולם.

געהט איהר צו מיט אט דער מאס צו דער יודישער אבטײַלונג, וואס פערנעהמט, אגב, ניט אזא קלײנעם ארט אויף דער אויסשטעלונג, דארפט איהר פריהער פאר אלץ קאנסטאטירען א פארשריט. ניט אזוי לויט דער צאהל נאך (אונזער ליטעראטור פערפולט, ווי פריהער, איהרע צוויי ווענד), ווי לויט דער איכות.

אונזער ליטעראטור איז געשאפען געווארען אין פאלק און דורכ׳ן פאלק (ריכטיגער — דורכ׳ן המון) און דעריבער האט זי שטענדיג געטראגען א בענרע-ניצטען חאראקטער. פריהער תחינות און מוסר-ספרים, דערנאך ראמאנען און פאלקס-ביכער — ווײַטער איז מען ניט געגאנגען. ווײַל ס׳האט געפעהלט אין דער יודישער גאס בכלל דאס גע-פיהל פון געזעלשאפטליכקייט, פון שותפות׳דיגער ארבײַט. די לעצטע יאהרען איז דאס לעבען געווארען פיעל-זײַטיגער, דער יוד, וואס לײַענט יודיש, האט דערשפירט גרעסערע בעדערפע-נישען — איז דאס בוך איהם באלד גע-קומען צו הילף. איצט האט שוין די יודישע ליטעראטור ניט אזא גראהע, אײַנפארביגען פנים. איהר געפינט דא אי ארבײַטער-ליטעראטור, אי לעהר-ביכער, אי תקנות פון לײַה-און שפאר-קאסען, אי הויצען-בלעטער אהן א צאהל, אי בעלעטריסטיק פאר גרויסע און קינדער. פונ׳ם לעצטען מין האט איהר פאר׳ן לעצטען יאהר ש. אש׳ם „מעשה׳-לעך פון חומש", קיפלינג׳ס „בוך פון דזשאנגל" (אין שאפירא׳ס אויסגעצייכענטער איבערזעצונג) און עטליכע אויסגאבען פון ווארשויער פערלאג „מעשה׳לעך" און פון ווילנער: „פאר אונזערע קינדער".

אינאײַנעם דערמיט, ווי די יודישע ליטעראטור האט זיך פעסטער בעהאפ-טען צום לעבען, האט מען זיך אויך אנגעהויבען אינטערעסירען מעהר מיט איהר שורש און מיט איהר פארם. איהר געפינט דא פאר 1913 אזא אויס-געצייכענטען ספר, ווי „דער פנקס", דעם צווייטען באנד פון נח פרילוצקי׳ס „פאלקס-ליעדער", די פילאלאגישע בראשורען פון ה׳ ש. ווײַנער. ניט פיעל, אבער פארט א גוטער אנהויב.

די בעלעטריסטיק און קריטיק בע-שטעהט דערהויפט ניט פון נײַע ווערק, נאר פון געקליבענע שריפטען. פרץ, שלום-עליכם, יהואש, בעל-מחשבות, ניגער א. אז. וו. וואס זײַערע ליעדער, ערצעהלונגען און ארטיקלען זענען געווען צעשפרייט איבער אלע זיבען ים׳ען, האבען געפונען א מקום-מקלט און זענען געווארען צוזאמגעקליבען פאר׳ן עולם. אויך מענדעלי איז ארויס פון דאס-נײַ אין א בילינער אויסגאבע, אלס א בײַלאגע צו אײַנער פון די ווארשויער צײַטונגען.

פארהאן אבער עטליכע אויסגעצײַ-כענטע זאכען, וואס האבען זיך פאר-יאהרען ערשט בעוויזען אויף דער וועלט און האבען געהאט א ליכטיגען קבלת-פנים, בערגעלסאנ׳ס „נאך אלע-מען" למשל, אדער רייזען׳ס „וועליזשער בלוט-בלבול" זענען פלײַסיגע זאכען לדורות. אגב, אנ׳אינטערעסאנטע (און פרעהליכע) קלײַניגקײַט: אונזערע פער-לעגער האבען שוין קײן מורא ניט ארויסצוגעבען גרעסערע ביכער, און א גאנצע רײַהע גרויסע זאכען זענען ארויס לכתחילה אין בוך-פארם. ווער געדענקט ניט, אז אפילו מענדעלי׳ס און פרץ׳ס גרויסע ווערק פלעגען זיך ציהען חדשים-לאנג אין די יודישע צײַטונגען?

פאר׳ן יאהר 1913 זענען ארויס א שפאר ביסעל איבערזעצונגען, און דוקא פון בעסערע זאכען. עטליכע ראמאנען פון וויקטאר הוגא. דאס שוין דער-מאהנטע בוך פון קיפלינג, צוויי בײַ-נענדע בענד געשיכטע פון יודישען פאלק און צײַט פון בית-שני" (פון ע. שירער, איבערגעזעצט פון ז. קאלמאנאוויץ) עטליכע ראמאנען פון לעוואנדא, דאס-טאיעווסקי׳ס „פערברעכען און שטראף" א. אז. וו.

ניט איבעריג פרעהליך ווערט אויפ׳ן הארצען, ווען מען קוקט זיך צו צו דער אויסוועהניגסטער זײַט פון אונזערע ביכער. מיט עטליכע יאהר צוריק האט די הויפט-פערוואלטונג פאר פרעסע-ענינים אפילו מודיע געווען אפיציעל, אז מיאוסער פון אלץ ווערען ארויסגע-געבען די יודישע און העברעאישע ביכער, געמײַנט האט מען אונזערע סדורים און מחזורים, וואס ווערען ארויסגעגע-בען אויף גראבע פאק-פאפיר, און אפשר אויך די מעשות און „ראמאנען" אלא שמ״ר, וואס זענען אויך הײַ-יאהר ארויס ניט ווינציג. אבער סוף-כל-סוף לאזט זיך דאס זאגען אויך וועגען אונזערע וועלטליכע ביכער, און ס׳טהוט ממש וועה דאס הארץ, ווען מען גלײַכט צו אונזערע שער-בלעטלעך און אונזער פאפיר (לויט׳ן אינהאלט האבען מיר זיך לחלוטין ניט וואס צו שעהמען) צו די פוילישע, לעטישע און אפילו ליט-ווישע, וואס שטעהען ניט ווײַט. און ס׳פערדריסט נאך מעהר, ווען מען דער-זעהט, אז די יודישע פערלעגער שיקען אהער אזוינע אויסגאבען מחמת — עקא-נאמיע; אט נעהמט, למשל, די ביכער פון קלעצקינ׳ס „ווילנער פערלאג". אש׳ם „מעשה׳לעך פון חומש" און אנדערע, וואס ווערען ארויסגעלאזט אויפ׳ן ביכער-מארק אין אזוינע שענע הילעס, זענען דא אײַנגעוויקעלט ממש אין שמוציגע שמאטעס, און זיי ליגען טאקע דעריבער פערדריקט ערגעץ אין א ווינקעל, צווישען שמר״ס און פלאהשטיינ׳ס חבורים...

א ביסעלע ווײַטער — אין נאהענטער שכנות און אין פאלקאמען שלום מיט דער פוילישער פרעסע — זענען אויסגע-שטעלט די יודישע פעריאדישע אויסגאבען. די בכורה דארף דא אפ-געגעבען ווערען דעם זשורנאל „די יודישע וועלט" וואס האט משנה-מקום געווען (אריבערגעהענדיג פון פע-טערבורג קײן ווילנא), געביטען אויך זײַן פנים — און דוקא צום גוטען. מיט דעם זשורנאל מעגען מיר זײַן צופרידען, אבער אויך בכלל ווערט מען נשת׳ם פון דער רײַכקייט פון דער יודישער פרעסע. געהט איהר אבער צו נעהנטער, דערזעהט איהר, אז דאס האט מען אײַך געגנארט. פון די 85 פעריאדישע טאג-און וואכענבלעטער (נאר אין יודיש) איז א טייל שוין אויף דער אמת׳ער וועלט („דער טאג", „דער שטערן" און נאך), א טייל ווידער — נאך גאר ניט געבוירען געווארען. אלע יודישע צײַ-טונגען, פערשטעהט איהר, האבען זיך בעווארענט, טאמער וועט מען זיי הײַסען געהן פון דער וועלט פאר דער צײַט — און צוגעגרייט נײַע נעמען. איז אבער פארהאן א דין, אז דאס רעכט ארויס-צוגעבען א צײַטונג בלײַבט בײַ אײַך נאר דעמאלט, ווען איהר לאזט ארויס אינ׳ם משך פון א יאהר לכל-הפחות אײַן נומער. אויף דעם סמך געפינט איהר דא א סך בלומר׳שט „נײַע" צײַטונגען.

אפילו דעם אלטען גוטען בעקאנטען „המליץ" געפינט איהר דא, קענטיג, דער רעדאקטאר רעכענט נאך אלץ אויף בעסערע צײַטען.

בײַ׳ם טיש פון דער יודישער פרעסע געפינט איהר אבער ניט נאר קוריאזען, א סך סימנים ווייזען, אז די יודישע פרעסע וואקסט. א גאנצע רײַהע פראווינץ-שטעדט (בערדיטשעוו, מינסק, ביאליסטאק, בענ-דין, טשענסטאכאוו א. אז. וו.) האבען זיך פערזארגט מיט אײַגענע ארגאנען, פון דער אנדערער זײַט ווערט די פרעסע פיעל-זײַטיגער. מיר האבען פאר 1913 א וועכענטליכע יודישע ארבײַטער-צײַ-טונג, א פראפעסיאנעלען זשורנאל „דער שנײַדער", א וואכענבלאט „דער האלצ-הענדלער", וואס נעהמט שוין דאס פינפטע יאהר — און אפילו צו א „יודישער שאך-צײַטונג" (ארויסגעגעבען ה״ה סאלאווע און קרישיק לאדז) האבען מיר שוין זוכה געווען.

בקיצור — די אונטערשטע שורה — וואס איז שייך צו ליטעראטור, מעגען מיר זײַן צופרידען פון פערגאנגענעם יאהר, וואס עס פעהלט אונז נאך — איז מעהר פלאנמעסיגקייט.

און נאך עפעס. מען דארף זעהן צו ארגאניזירען בעסער דעם יודישען בוכ-האנדעל. דאס לײַענט אין די אינטערע-סען פון די פערלעגער גופא, און מיר זײַ דארפען זיך נעהמען דערצו. ניט דערפאר געהען זיך ניט פונאנדער יודי-שע ביכער ווי ס׳געהער צו זײַן, ווײַל ס׳זענען ניטא קײן קויפער — נאר ווײַל דאס בוך דערגרייכט ניט צום קונה. ניט יעדערער איז דאך א בעלן צו געהן אויסצושרײַבען פער פאסט א בוך, וועגען וועלכען ער האט געלײַענט א מודעה. פארהאן נאך אנדערע שאטעי-ווײַטען, וועגען וועלכע מען וואלט געקאנט רײַ-דען, ווען דער פלאץ זאל ערלויבען. ארום און ארום אבער איז דער באלאנס פאר׳ן יאהר 1918, ווי בעזאגט, נארניט קײן שלעכטער.

21 פעברואר. מ. לאזערזאן.

יודישע מלאכה אין ווילנא.

אין ווילנא האט זיך מיט א קורצער צײַט צוריק געגרינדעט א יודישע סטאַ-טיסטישע געזעלשאפט, וועלכע פער-נעהמט זיך מיט צוזאמענשטעלען סטאַ-טיסטיקעס וועגען דער לאגע פון דער יודישער מלאכה אין רוסלאנד.

לויט דער ביטע פון פעטערבורגער קאמיטעט פון דער „געזעלשאפט פון מלאכה-און לאנד-ווירטשאפטליכער אר-בײַט" האט די ווילנער סטאטיסטישע געזעלשאפט צוזאמענגעשטעלט א סטאַ-טיסטיק וועגען דער לאגע פון דער יודישער מלאכה אין ווילנא.

אינגאנצען זענען אויסגעפרעגט גע-ווארען 3000 ווארשטאטען. 2701 ווארשטאטען ווערען לויט די פראפעסיעס אזוי אײַנגעטהײַלט: 947 שנײַדער, שנײַ-דערקעס און נײַהטאָרינעס מיט 565 לערנ-יונגלעך און מעדלעך; 816 שוסטערס מיט 31 לערן-יונגלעך; 240 זאקען-מאכערס מיט 16 לערן-יונגלעך; 177 טישלערײַען, דרעקסלער און שערם-מאכערס מיט 50 לערן-יונגלעך; 131 הענטשקע-מאכערס מיט 125 לערנ-יונגלעך; 114 היטעל-מאכערס מיט 143 לערן-יונגלעך; 112 זײַגער-מאכער׳ס, יובעלירען און גראווירען מיט 44 לערן-יונגלעך; 108 קאמאשען-מאכער׳ס מיט 178 לערן-יונגלעך; 102 פריזיערס מיט 84 לערן-יונגלעך; 88 שלאסער, בלעכער און קאוואלעס מיט 67 לערנ-יונגלעך; 75 זעמעל-בעקער און קאנ-דיטערען מיט 80 לערן-יונגלעך; 71 שטײַן-האקערס, מאליארעס, גלעזערס; 55 אײַנבינדער מיט 82 לערן-יונגלעך; 39 בערשטען-מאכערס מיט 8 לערן-יונגלעך; 89 קצבים און וואורשטען-מאכער, 29 מארישטקעס מיט 87 לערן-מעדלעך; 73 פערשיעדענע אנ-דערע מלאכות מיט 10 לערן-יונגלעך.

אינגאנצען זענען אין 2701 מלאכה-ווארשטאטען פארהאן 1420 לערנ-יונגלעך און מעדלעך.

אין א גרויסער צאהל ווארשטאטען זענען איבערהויפט קײן שום לערן-יונגלעך נישטא, דאס בעווײַזט, אז די מלאכות געפינען זיך אין א שלעכטער לאגע.

63 פראצענט פון די לערן-יונגלעך און מעדלעך זענען אלט פון 13 ביז 15 יאהר; עלטער פון 15 יאהר איז אינגאנצען פארהאן 23,9 פראצ.; 12 פראצ. פון די לערן-יונגלעך זענען אבגעגעבען געווארען אויף די לעהרע אויף 4 יאהר, 28 פראצ. אויף 8 יאהר; 15 פראצ. אויף 2 יאהר און 14,2 פראצ. אויף א יאהר. אינטערעסאנט איז, אז 30 פראצ. פון דער אלגעמײַ-נער צאהל לערן-יונגלעך זענען אבגע-געבען געווארען אין די לעהר אהן א טערמין.

דער גרעסטער טײַל פון די לערן-יונגלעך זענען פון ווילנא (77,4 פראצ.) פון אנדערע שטעדט און שטעדטלעך איז פארהאן 22,6 פראצ. דאבײַ דארף מען נישט פערגעסען, אז פון די 22,6 פראצ. פרעמדע איז אויך א גרויסער טײַל שוין לאנג בעזעסען אין ווילנא.

ארום פאסטאווער בלוט-בלבול.

דעם 21-טען פעברואר זענען קײן פאסטאוו געקומען פון קיעוו דער פרא-קוראר זאפינין און דער אויספארשונגס-ריכטער איבער בעזונדערס וויכטיגע ענינים פודיק.

אויפ׳ן וואקזאל, וואו ס׳האבען זיך אבגעשטעלט די גערייכטס-בעאמטע, זענען ארויסגערופען געווארען די עדות, וועלכע די פרוי פאשקאוו האט אנגע-וויזען אין איהר בקשה. פון די 29 ארויסגערופענע עדות זענען ביז 6 א זײַגער אין אווענד פון זעלבען טאג אויסגעהערט געווארען נאך 14, דא-רונטער אײַניגע קינדער — קרובים פון דער׳הרג׳עטען יאסעל פאשקאוו.

כמעט אלע עדות האט מען געשטעלט די פראגען:

— צי קענט איהר פאשקאוו׳ן און צי האט איהר אין דעם דער׳הרג׳עטען דערקענט איהם און ניט קײן צווייטען?

י. פאמיליאן, א 10-יעהריג יונגעל וועלכען מ׳האט געוויזען פאטאגראפישע בילדער פון יאסעל פאשקאוו׳ן, האט קאטעגאריש ערקלערט, אז דאס איז דאס זעלבע יונגעל, מיט וועלכען ער האט זיך געשפיעלט און וועלכער איז דאן געווארען דער׳הרג׳עט. ווען די גערייכטס-בעאמטע האבען דעם זעלבען יונגעל געוויזען א פאטאגראפיש בילד פון א צווייטען יונגעל, האט ער קאטע-גאריש געזאגט, אז דאס איז נישט יאסעל פאשקאוו.

א גאנצע רײַהע קריסטליכע עדות, האבען אויך ערקלערט, אז זיי האבען גוט געקענט יאסעל פאשקאוו׳ן און אז דער דער׳הרג׳עטער איז נישט קײן אנדערער, ווי י. פאשקאוו.

אײַנע איהאניצקאיא האט ערקלערט, אז יאסעל פאשקאוו פלעגט אפט קלינגען אין הויז, וואו זי דינט. אין טאג פון דער ערמארדונג האט ער אויך אנגע-קלונגען און לאבענדיג געזאגט, אז ער וועט נאכאמאל אנקלינגען. אויפ׳ן צווײַ-טען טאג האט מען איהם אבער גע-פונען א טויטען.

קופאן № 48

יעדער לעזער, וואס שיקט צו אויסגעלעכע 10 קו-פאנען בעקומט יעדע 2 וואכען א באנד

יודישע געשיכטע (פון פראפ. גרעץ)

אלס פרעמיע פון „לאדזער טאגעבלאט" נור פאר 20 קאפ. אבאנד.

וועלט-נייעס.

די ווירקונג פון מוזיק בײַם הײלען צײן.

די וויבעדהייט אין דעם, אז מוזיק העלפט אריבערטראגען די שווערסטע פיזישע לײַדען האט זיך שוין אויף אזוי שטארק פערשפרייט, אז אײַנער פון די פאריזער צאהן-דאקטוירים האט אין זײַן קאבינעט אזא אויפשריפט: ארויסרײַסען א צאהן קאסט — 2 פראנק 50 סענטים; ארויסרײַסען א צאהן אהן שמערצען — 4 פראנק; ארויסרײַסען א צאהן אונטער די טענער פון מוזיק — 16 פראנק. יעדער פאציענט קלויבט זיך אויס א מוזיקאלישע אוווערטורע, וואס זאל געשפיעלט ווערען בעת׳ן ארויסרײַסען דעם צאהן.

* * *

פאליגאמיע אין דײַטשע קאלאניעס.

לויט די אפיציעלע ידיעות פון די „דײַטשע קאלאניאל-נאכריכטען" עקסיסטירט אין דרום-מזרח גוינעע, וואס געפינט זיך אונטער׳ן פראָ-טעקטאראט פון דײַטשלאנד, פאליגאמיסטען (לעבען מיט פיעל ווײַבער) לויט די מעגליכ-קייטען האט יעדער מאן פון 1 ביז 20 ווײַבער. די מעהר פיזיש-ענטוויקעלטע פון די פרויען האלט מען פאר דער הויפט-ווײַב. יעדע פרוי וואוינט זיך אין א בעזונדערע הײַזעל און דער מאן וואוינט יעדע דרײַ טעג מיט אנ׳אנדערער. די גאנצע הויז-און פעלד-ארבײַט ווערט גע-מאכט פון דער פרוי; דער מאן פערנעהמט זיך מיט יאגד. די פרויען פערנעהמען זיך אויך מיט חאפען פיש. מיטאג עסען אלע מענער צוזאמען און דאס מיטאג פאר יעדען מאן בעזונדער מאכט אײַנע פון זײַערע פרויען. יעדער מאן, וואס וויל זיך נעהמען א ווײַב מוז פאר איהר בעצאהלען די עלטערן פון דער פרוי א בעשטימטע סומע. וואס טײַערער פון די ברענעס, אלץ טײַערער קאסט דאס ווײַב.

מאריס לעבלאן.

37)

813 די וואונדערליכע מעשים פון א בעריהמטען דעטעקטיוו. 813

פון פאריזער לעבען.

זעקסטער קאפיטעל.

I.

ליופען׳ס ערשטע שריט אויף דער פריי.

דער דיענער איז ארײַנגעקומען צו מאדאם קעסעלבאך און איהר איבער-געגעבען א וויזיט-קארטע א פרעגענדיג:

— איהר בעפעהלט אויפצונעהמען?

דאלארעס קעסעלבאך האט גענומען די וויזיט-קארטע און דורכגעלעזען: אנדרע באני.

— ניין, איך קען אזא פערזאן נישט.

— ער פערלאנגט דורכאויס. ער זאגט, אז די מאדאם ווארט אויף איהם.

— און אפשר... ווירקליך... פיהרט איהם ארײַן.

מאדאם קעסעלבאך האט יעצט געוואוינט אין א קלײַן הײַזעל אויף דעהין נאס. הינטער׳ן הויז האט זיך געפונען א שעהנער גארטען.

בײַז דער דיענער איז ארויס איז זי געבליעבען זיצען, ווארטענדיג מיט אונגעדולד אויף דעם אומבעקאנטען.

באלד איז ארײַנגעקומען זעהר אנ׳עלעגאנט געקלײַדעטער יונגערמאן, וועלכער האט לויט זײַנע קלײדער, קראוואט און שיך אויסגעזעהן ווי א יונגער קינסטלער.

ער איז ארײַן אין צימער אין בעגלײַטונג פון דיענער; דער לעצטער האט זיך באלד דערווײַטערט.

— איהר זענט אנדרע באני?

— יא, איך בין גרײט צו אײַערע דיענסטען...

— ענטשולדיגט, אבער איך האב נישט די עהרע...

— איהר האט דאך געשריבען זשענעוויעווא׳ס באבע, אז איהר ווילט מיט מיר וועגען עפעס זיך דורכשמועסען. בין איך אהער געקומען.

מאדאם קעסעלבאך האט זיך אויפגעהויבען און מיט אויפרעגונג א פרעג געטהון:

— ווי? דאס זענט איהר?...

— יא. האט דער אומבעקאנטער געענטפערט שטיל.

זי האט ווײַטער שטיל ווי צו זיך גערעדט:

— זענט איהר עס ווירקליך?... איך דערקען אײַך נישט...

— איהר דערקענט נישט פירשט סערנינ׳ן?

— ניין... עס איז אפילו קײן ענליכקייט נישטא... נישט דער שטערן... נישט די אויגען... איהר זעהט אויך נישט ענליך צום...

— צום ארעסטירטען פון סאנטע... און פונדעסטוועגען בין איך עס.

זײַ זענען בײדע אנטשוויגען געווארען, ווי זײַ וואלטען בײדע זיך גע-פיהלט אומבעקוועם. ענדליך, האט ער זיך אבגערופען:

— אפשר וועט איהר אזוי פרײַנדליך זײַן און מיר זאגען...

— האט אײַך דען זשענעוויעווא גארנישט געזאגט?

— ניין, איך האב זי נאך נישט געזעהן, נאר איהר באבע האט מיר גע-זאגט, אז איהר נויטיגט זיך אין מײַן הילף...

— יא... דאס איז וואהר...

— איך וואלט געווען זעהר גליקליך...

זי האט א מינוט געשוויגען, דאן געזאגט:

— איך האב מורא!...

— פאר וועמען?

— איך האב מורא — האט זי שטיל געזאגט — פאר אלץ און פאר אלע-מען... איך האב מורא פאר׳ן לעבען, פאר אלץ, וואס רינגעלט מיך א־ום... איך בין שטענדיג אלײַן... אײַנע אלײַן... מיט מיר איז קײַנער נישטא א חוץ דיע-נער... נאר ווער קען זײַן? איך פיהל, אז ארום מיר קומט עפעס פאר... אז עס גרײַט זיך עפעס פאר...

— וואס אײַגענטליך? מיט וועלכען צוועק?

— איך ווײס אלײַן נישט. איך פיהל נאר, אז ארום מיר שפרײַזט ארום א שונא.

— איהר האט עפעס בעמערקט? איהר האט עמיצען געזעהן?

— די טעג האב איך געזעהן, ווי צוויי זענען ארומגעגאנגען ארום הויז, אײַנער איז געווען א הויכער מאנספערזאן אין א שווארצען פידזשאק.

— א לאקײ פון א קאפע?

— יא, א לאקײ. איך האב געשיקט מײַנעם א דיענער איהם נאכשפיאני-רען. ער איז ארײַן אין א הײַזעל אויף דעלא-פאמפ... א צווייטען מאל האב איך ווידער בײַ נאכט געזעהן עפעס א שאטען אין גארטען...

— אפשר וועט איהר ערלויבען מײַנע אגענטען — האט ער געענטפערט — בלײַבען בײַ אײַך אין הויז? איהר דארפט זיך נישט שרעקען, דאס זענען זעהר פײַנע יונגען... שארלאטע און זײַן זוהן... וואס עס איז מיך נוגע...

ער האט נישט געענדיגט, ווארטענדיג, אז זי וועט איהם בעטען בלײַבען, נאר זי האט געשוויגען. ער האט דערום געענדיגט:

— וואס עס איז מיך נוגע... רעכען איך, אז עס וועט בעסער זײַן, ווען מען וועט מיך נישט דא זעהן... יא בעסער... פאר אײַך...

ער האט ווײַטער געוואלט רעדען, נאר זעהענדיג, אז דאס געשפרעך קלעבט זיך נישט, האט ער זיך פערנײַגט און איז ארויס.

ווי ער איז ארויס האט ער געזעהן, ווי זשענעוויעווא איז ארײַן און א לײַכ-טער ציטער איז איהם דורך, איהם האט זיך געדוכט, אז זי האט איהם דערקענט און דאס האט אויף איהם אזוי געווירקט. ער האט געוואלט איהר נאכגעהן, זיך בעגריסען, נאר ער האט קײן מוט נישט געהאט. זי איז פערשוואונדען געווארען און ער איז אײַניגע מינוטען געשטאנען און נאכגעקוקט פערטראכט די פער-שוואונדענע פיגור.

אויפ׳ן שאסע מיועט האט ער בעגעגענט פיער לעדריק׳ן. ער איז צו איהם צוגעגאנגען און פרײַנדליך א קלאפ געטהון אויף די פלײצעס. דער יונגער-מאן האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט:

— ענטשולדיגט, מיט וועמ׳ן האב איך די עהרע...

— טײַערער לעדריק, האסט א קורצען זכרון... געדענקסט ווערסאל... דאס צימער און האטעל...

דער יונגערמאן האט א ציטער געטהון:

— דאס זענט איהר? פירשט סערנין?... ליופען?...

— און איהר האט שוין געמײַנט, אז ליופען וועט פערפוילט ווערען אין טורמע? נארישער בחור... נאר דאס איז נארישקײַטען, געדענק, אז דײַן שעה קומט אן. גרײַט זיך צו דײַן ראלע, וועלכע וועט זײַן זעהר א שווערע.

ער האט זיך צולאכט און איבערלאזענדיג דעם פערוואונדערטען לעדריק אלײַן, איז ער ווײַטער געגאנגען.

ער האט זיך ארײַנגעזעצט אין אנ׳אויטאמאביל און צוגעפאהרען צו זײַן האטעל, וואו אויף איהם האבען שוין געווארט די ברידער דודוויל. זײַ האבען איהם בעגעגענט מיט בעגײַסטערונג און בעווארפען מיט פראגען. ער האט אויף זײַערע פראגען גארנישט געענטפערט און א פרעג געטהון:

— וועלכען עפעקט האט געמאכט מײַן פערשווינדען פון דער טורמע?

— א גוואלדיגען. די פאליציי האט ערקלערט, אז איהר זענט אנטלאפען פון נארש. קײַנער האט עס געגלויבט. דאס פובליקום האט געלאכט און חוזק געמאכט פון דער פאליציי, נאר וואס עס איז פארגעקומען, ווײַסט קײַנער נישט.

— אויב אזוי דארף מען אוועקשיקען א בריעף אין „גראן זשורנאל", נו, זשאק, נעהם און שרײַב.

ליופען האט איהם דיקטירט:

געעהרטער הערר רעדאקטאר!

„איך ענטשולדיג זיך פאר׳ן פובליקום פאר מײַן ביז א הערליגען שווי-גען. איך בין אנטלאפען פון טורמע, נאר איך קאן נישט ערקלערען ווי אזוי עס איז פארגעקומען, אויך וועגען בעריהמטען סוד מיט די בריעף קאן איך קײַן אײַנצעלהײַטען נישט מעלדען, דאס גאנצע מאטעריאל וועל איך איבערגעבען א שריפטשטעלער, וועלכער וועט דערפון מאכען א ראמאן. דערווײַל בין איך בעשעפטיגט מיט ערנסטערע זאכען. אזוי ווי די וועלט האט זיך ארויסגעוויזען פאר אונפעהיג צו אנטדעקען דעם געהיימניספולען מערדער, ענטזאג איך איהם פון אמט און וועל צוריק פערנעהמען דעם אמט, וועלכען איך האב מיט גלאנץ פערנומען אונטער׳ן נאמען לענארמאן.

ארסען ליופען, דער שעף פון דער געהיים-פאליצײַ"

(פארזעצונג קומט).

וואָס הערט זיך אין לאָדז.

אַ דעפּוטאַציע בײַם גובערנאַטאָר וועגען די דאָזאָר־וואַהלען

(ש) נעכטען אַרום 12 אַ זייגער בײַטאָג האָט זיך פאַר דעם פּעטראָקאָווער גובערנאַטאָר פאָרגעשטעלט אַ דעפּוטאַציע, וועלכע איז בעשטאַנען פון די ה"ה צווימער, וואַלפיש און בערנשטיין, וועלכע האָט דעם גובערנאַטאָר דערלאַנגט „אַנ'ערקלערונגס־ביטע" וועגען די דאָזאָר־וואַהלען און געבעטען זיי צו בעשטעטיגען.

דער גובערנאַטאָר האָט דער דעפּוטאַציע בעגעגעט, אַז אין משך פון איינינע טעג וועט ער דאָס גאַנצע מאַטעריאַל דורכזעהען און ערשט דאַמאָלס אַרויסגעבען זײַן ענדגילטיגען בעשלוס.

דערבײַ האָט דער גובערנאַטאָר ערקלערט די דעפּוטאַציע, אַז וואָס פאַר אַנ'ערקלערונגען זיי האָבען נאָך צו געבען, זאָלען זיי נישט געבען מינדליך, נאָר צושטעלען שריפטליך.

ווי מיר דערוויסען זיך פון זיכערע קוועלען, בעדאַרף היינט אָדער מאָרגען אַרויסגעגעבען ווערען די ענדגילטיגע רעזאָלוציע פון גובערנאַטאָר וועגען די דאָזאָר־וואַהלען.

צום דאַטשע־סעזאָן.

די פויערים פון קראַשעוו, יאַן ווײַמאַן און איגנאַצי זאַדירא בעטען אונז מיטצוטיילען פאָלגענדעס: אין נומער 41 פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" איז געווען אַ ידיעה, אַז דער קאָמיסאַר איבער פויערים־אַנגעלעגענהייטען האָט צושיקט אַ צירקוליאַר וועגען פערוועהרען יודען וואוינען אויף דאַטשעס. די דערמאָהנטע פויערים ערקלערען, אַז זיי האָבען אַזאַ צירקוליאַר נישט בעקומען. דאָס געזעץ וועגען נישט מאָרען וואוינען איז נאָר גילטיג צו וואוינען אויף שטענדיג, אָבער נישט אויף זומער־צייט. זיי פערזיכערען אויך, אַז דאָס האַנד־געלד, וואָס זיי וועלען בעקומען וועלען זיי צוריקגעבען אין פאַל ווען די לעטניקעס וועלען האָבען וועלכע עס איז שטערונגען.

בעמערקונג פון רעדאַקציע: געבענדיג די ערקלערונג פון די פויערים מאַכען מיר אויפמערקזאַם, אַז לויט'ן געזעץ קאָן מען אויך יודען פערוועהרען וואוינען אויף זומער־וואוינונגען און די וואָס דינגען דאַטשעס זאָלען זײַן פאָרזיכטיג בײַ'ם געבען האַנד־געלד.

אַראָלף בערמאַנ'ס קונסט־אויסשטעלונג.

זונטאָג איז אויף פּעטריקאָווער 100 געעפענט געוואָרען די בילדער־אויסשטעלונג פון בעוואוסטען יודישען קונסט־מאָלער אַראָלף בערמאַן.

אויף דער אויסשטעלונג געפינען זיך איבער הונדערט קונסט־בילדער, מעהרסטענס לאַנדשאַפטען און נאַטור־בילדער. אַ חוץ ה' בערמאַנ'ס קונסט־ווערק געפינען זיך אויך אויף דער אויסשטעלונג אַ רייהע סקולפּטור־ווערק פון בעקאַנטען סקולפּטור ה' מאַנאַט.

ה' בערמאַן איז דעם לאָדזער פּובליקום גוט בעקאַנט פון זײַן אויסשטעלונג מיט 2 יאָהר צוריק. אין משך פון דער צייט איז ה' בערמאַנ'ס מאַלענס שטאַרק אויסגעוואַקסען און אין זײַנע נייע ווערק בעמערקט מען גרויסע פאָרטשריטע פון מאַלענספולען יודישען קינסטלער. זײַן אויסשטעלונג קאָן מען וואַרים רעקאָמענדירען.

אַ מעטשעט אין לאָדז.

די מאַכמאַדאַנער, וואָס וואוינען אין לאָדז האָבען זיך נעהאַט געווענדעט מיט אַ השתדלות, אַז מען זאָל זיי ערלויבען אויסצובויען אַ מעטשעט אין אונזער שטאָדט. איצט האָט דער גובערנאַטאָר מיטגעטיילט דער לאָדזער פּאָליציי, אַז דער מיניסטער פון אינערען האָט בעפרידיגט די השתדלות פון די לאָדזער מאַכמאַדאַנער און זיי ערלויבט אויסצובויען אַ מעטשעט.

דייטשען אין לאָדז.

לויט דער נייעסטער סטאַטיסטיק האָט זיך אין אָנפאַנג פון יאָהר 1912 אין לאָדז געפונען 438,275 איינוואוינער, דאַרונטער 4,120 רוסען, 220,038 פּאָליאַקען, 98,893 יודען און 115,224 דייטשען. די צאָהל פון די דייטשען בעטרעפט, אַלזאָ, 26,8 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג אין לאָדז.

די דייטשען האָבען 27 אַקציענגעזעלשאַפטען (פּוילישע נור איינע), 95 פאַבריקען (פּוילישע 10), 251 האַנדעלס־אונטערנעהמונגען (פּוילישע 125) 1,422 אונבעוועגליכע פערמעגענס (700 פּוילישע). די אַלגעמיינע פערמעגענס און די קאַפּיטאַלען פון די לאָדזער דייטשען בעטרעפען, לויט זייער איינענער אויסרעכנונג 123,935,162 רובל. די פאַבריקען און געשעפטען פון די לאָדזער דייטשען זענען ווערט 58,345000 רובל.

די פערזאַמלונג פון דער 5־טער לייה־און שפּאַר־קאַסע.

(ג) אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' וואַלסקי איז פאָרגעסטערן אָוונדס אויף פּעטריקאָווער 108 פאָרגעקומען די יעהרליכע פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער פון דער פינפטער לייה־און שפּאַר־קאַסע (פּראָמענאַדען 27).

דער בעריכט ווערט נאָך לעבהאַפטע דעבאַטען בעשטעטיגט. די פערזאַמלטע בעשטעטיגען אויך דעם בודזשעט אין דער סומע פון 5475 רובל מיט'ן רעכט איהם צו פערגרעסערן אויף 10 פּראָצענט. דאַן ווערט געענדערט דער אוסטאַוו, לויט וועלכען דער פּאַי ווערט פערגרעסערט אויף 100 רובל בײַ אַ הלוואה פון 600 רובל. אויף סחורות און מאַשינען זאָל מען אַרויסגעבען הלוואות ביז 1000 רובל. אַז די זשיראַנטען זאָלען פעראַנטוואָרטליך זײַן סאָלידאַר פאַר דער זשירירטער סומע א. ד. ג. בעת די וואַהלען וואָס קומט צום סוף פאַר ווערען צוגעוועהלט אין פערוואַלטונג די ה"ה נ. מעלניק, אַדוואָקאַט י. אַפּיעצקי און פ. וואַלסקי; אין ראַט ווערען צוגעוועהלט די ה"ה ד"ר סקושעוויטש און י. שטיינבערג, אין רעוויזיאָנס־קאָמיסיע זענען אַרײַן די ה"ה נײַפעלד, הערמעס און קאָמלינצקי.

פערשיעדענעס.

(ג) די יעהרליכע פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער פון דער לייה־און שפּאַר־קאַסע פון פּאָזנאַנסקי'ס אַנגעשטעלטע, וואָס האָט נעכטען געזאָלט פאָרקומען אויף אַנגראַדאָוואַ 20 האָט נישט געקאָנט צושטאַנד קומען, די פערזאַמלונג וועט ערשט פאָרקומען אין צוויי וואָכען אַרום.

— (ג) דער ביז איצטיגער רעפערענט אין פּאָליציי־מייסטער'ס קאַנצעלאַריע ה' וואַלענטי מילאַך איז בעשטימט געוואָרען אַלס נאַטשאַלניק פון דער פּעטריקאָווער געהיים־פּאָליציי.

— (ג) די אַקציען־געזעלשאַפט ל. נײַער האָט אָבגעגעבען דער „געזעלשאַפט צו זאָרגען פאַר פיזישע ענטוויקלונג" אַ פּלאַץ אויף טשערוואָנאַ 8, וואו די לעצטע זאָל אײַנאָרדנען איהרע איבונגען.

— (ג) דער דירעקטאָר פון לאָדזער פרויען־גימנאַזיום מעלדעט, אַז בײַם גימנאַזיום געפינט זיך איצט אַ פרײַע סטיפּענדיום אויפ'ן נאָמען פון איהר מאַיעסטעט דער קייזערין מאַריא פיאָדאָראָוונא. די פערזאָנען, וואָס ווילען פון סטיפּענדיום געניסען, קאָנען אָהן אונטערשיעד פון גלויבען דערלאַנגען בּיטעס וועגען דעם צום דירעקטאָר פון גימנאַזיום.

— (ג) דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר האָט ערלויבט צו גרינדען אַ פײַערלעשער־געזעלשאַפט אין דאָרף טרוסקאָלאַסק.

— (ג) אויף דער לעצטער זיצונג פון דער גובערנסקער קאָמיסיע פאַר חברות און פעראיינען איז ערלויבט געוואָרען צו גרינדען אין ראָוונע אַ מוזיקאַלישען פעראיין.

— (ג) לויט דער פעראָרדנונג פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, איז אין סאָסנאָוויץ פערמאַכט געוואָרען דאָס אַרבייטס־פערמיטלונגס־ביוראָ פון ברוך סוראָאָוויטש.

— דעם 16־טען מערץ א. ס. וועט אויף דער לאָדזער פאַבריק־באַהן פאָרקומען אַ ליציטאַציע אויף די באַגאַזשען וואָס ס'זענען אָנגעקומען קיין לאָדז אין פערלויף פון די חדשים: יולי אויגוסט און סעפּטעמבער.

Lekarz-Dentysta
צאָהן־ערצטין
ר. ראָזענמאַן
ניקאָלאַיעווסקאַ 50 עקע נאַוראָט
געוועזענע אַסיסטענטין בײַם צאָהן־אַרצט האַבערפעלד.
נימט אָן פון 10 ביז 2 און פון 4 ביז 8.
5080

— קיין לאָדז איז געקומען צופאַהרען אין דינסטאַנגעלעגענהייטען דער שטאַב־אָפיציר בײַ'ם פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, קאַפּיטאַן קיסעלעוויטש.

דער בעקער מייסטער־פעראיין וועגען מצות־באַקען.

(ג) אונטער'ן פאָרזיץ פון פעראיינס־פּרעזעס ה' אברהם הענעכאָוויטש איז נעכטען אין אָוונד אין איינענעם לאָקאַל (ווסכאָדניאַ 29) פאָרגעקומען אַנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער פון בעקער־מייסטער פעראיין. די פערזאַמעלטע האָבען בעטראַכט פערשיעדענע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט'ן באַקען מצות אויף הײַנטיגען פּסח. עס ווערט בעשלאָסען, אַז דאָס באַקען מצות זאָל זיך אָנהויבען דעם קומענדיגען דינסטאַג, די פערזאַמעלטע בעשליסען דערבײַ, אַז אַלס העלפער בײַ'ם באַקען די מצות זאָלען הײַ־יאָהר צוגענומען ווערען נאָר יודען.

אַ נייער בלוט־בלבול אין לאָדז.

וועגען אַ נייעם בלוט־בלבול אין לאָדז, בעת וועלכען איינינע יודען זענען בעראַויבט און פערוואונדעט געוואָרען, טיילט מען אונז מיט פאָלגענדעס:

אויף נאָוואָ־זאַרזשעווסקאַ 32 געפינט זיך דאָס הויז פון אוריה טשערניקאָווסקי, וועלכער האָט אין הויף אַ סקלאַד פון אַלטע שמאַטעס און אייזענס. פאַרגעסטער'ן האָט טשערניקאָווסקי חתונה געמאַכט זײַנס אַ קינד און צו איהם אין הויז האָבען זיך פערזאַמעלט פיעל פון זײַנע קרובים. צווישען אַנדערע איז אויך געקומען זײַן זוהן משה טשערניקאָווסקי פון כאַיני. בעת דער לעצטער איז אַרײַן אין פאַטערס הויף האָט ער בעמערקט ווי צוויי שקצים טראָגען אייזענס, וואָס זיי האָבען אַרויסגעגנב'עט פון פאַטערס לאַגער. ווען ער האָט זיי געוואָלט פערהאַלטען, האָבען די שקצים די געגנב'עטע אייזענס אַוועקגעוואָרפען און גענומען אַנטלויפען, משה טשערניקאָווסקי האָט דערבײַ איינעם פון די גנבים פערהאַלטען און זיי געוואָלט איבערגעבען דער פּאָליציי. דער צווייטער שייגעץ האָט זיך דערווײַל אַרויסגעריסען אויפ'ן גאַס מיט אַ געשריי, אַז יודען האָבען פערשלעפּט אין הויף אַרײַן זײַנס אַ חבר, וועלכען זיי מאָרדען, כדי צו בענוצען זײַן בלוט אויף פּסח. דער יונגער טשערניקאָווסקי דערזעהענדיג, אַז ס'לויפען זיך צוזאַמען מאַסען קריסטען האָט דעם גנב אָבגעלאָזט און אַרויסגעטריבען פון זײַן פאַטערס הויז. באַלד דערויף האָט ער אויך פערקלאַפּט דאָס טויער, כדי נישט צו געבען די צונויפגעלאָפענע קריסטען די מעגליכקייט זיך אַרײַנצוקריגען אין הויף אַרײַן.

אין גאַס האָבען זיך דערווײַל פערזאַמעלט אַלץ מעהר קריסטען, וועלכע זענען צוליעב'ן זונטאָג געווען פרײַ פון דער אַרבייט. צווישען פערזאַמעלטען המון האָבען זיך אויך געפונען נישט ווייניג כוליגאַנעס, וועלכע האָבען גענומען האַקען די שויבען פון טשערניקאָווסקי'ס וואוינונג. דער המון האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מעהר צובושעוועט און איז אַרײַנגעפאַלען אין קאָלאָניאַל־געוועלב פון מאָטעל רובינשטיין און אין וועש־געשעפט פון הערמאַן קאַקאָטשינסקי, דאָרט האָבען די כוליגאַנעס צונויפגעוואָרפען פיעל סחורות, צוואָרפען אַלע זאַכען און אויך פערוואונדעט קאַקאָטשינסקי זײַן פרוי, און זײַן זוהן און אויך דעם בעזיצער פון קאָלאָניאַל־געוועלב רובינשטיין, וועלכער ליגט אַ שווער־פערוואונדעטער קראַנק.

די אַרבייט פון די כוליגאַנעס האָט געדויערט העכער אַ שעה צייט, זיי האָבען כמעט אַלע וואוינונגען און געשעפטען פון אויבענדערמאָנטען הויז פערוואָרפען מיט שטיינער, וועלכע זיי האָבען אַרויסגעריסען פון ברוק. פיעל יודען, וועלכע זענען בעת דער אַרבייט פון די כוליגאַנעס דורכגעגאַנגען די גאַס האָבען זיי שרעקליך געשלאָגען.

צופעליג האָט זיך וועגען די בלוטיגע אָנפאַלען דערוואוסט דער געהילפס־פּריסטאַוו פון זעקסטען אוטשאַסטאַק, בעק־סאַפּיע, וועלכער איז געקומען צו לויפען אויפ'ן אָרט און געוואָלט צוטרייבען דעם המון, דאָס איז אָבער געווען נישט אַזוי לײַכט. דער געהילף־פּריסטאַוו האָט אַליין נישט געהאַט די מעגליכקייט דעם המון צוצוטרייבען, ער האָט דעריבער אַרויסגערופען צו הילף אַ גרויסע פּאָליציי־אָבטיילונג, אויך דער פּריסטאַוו פון זעקסטען אוטשאַסטאַק איז געקומען אויפ'ן אָרט און דראָהענדיג צו שיעסען האָבען זיי דעם צעווילדעוועטען המון צוטרייבען. אַנטלויפענדיג זענען איינינע כוליגאַנעס אויף טובאַלסקאַ 29 אָנגעפאַלען אויף משה גליקסמאַנ'ס געוועלב און דאָרט אויסגעבראָכען די שויבען.

נאָך אַנ'ענערגישער מיה איז דער פּאָליציי געלונגען די כוליגאַנעס צוצוטרייבען און דעם בעאונרוהיגטען עולם צו בערוהיגען, פאַר דער שרעק ס'זאָל ווײַטער נישט קומען צו קיין אָנפאַלען האָט אַ גרויסע פּאָליציי־אָבטיילונג די גאַנצע נאַכט בעוואַכט די אומגעגענד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אויבענדערמאָנטען פאַל, איז אויך נעכטען בײַטאָג אַ מחנה כוליגאַנעס אָנגעפאַלען אויף אַ יודיש געוועלב אויף ווידזעווער רוג סענאַטאָרסקאַ און עס געוואָלט בעראַויבען. אַ דאַנק אָבער, וואָס די פּאָליציי איז בעצײַטענס אָנגעקומען איז אויסגעמיטען געוואָרען פון בלוטיגען אָנפאַל. אַזוי ווי אין דער אומגעגענד פון גײַער'ס־מאַרק טרעפט שוין דאָס צווייטע מאָל אַזאַ עהנליכער פאַל, האָט זיך אַ גרופּע אײַנוואוינער פערנומען מיט זאַמלען אונטערשריפטען אויף אַ בּיטע צום גובערנאַטאָר וועגען פעראָרדנען אַ וואַך־צושטעלען אין דער אויבענדערמאָנטער אומגעגענד פּאָליציי. (ג)

דער פּראָצעס פון די לאָדזער פאַבריקאַנטען.

(פון אונזער קאָררעספּאָנדענט).

פינפטער טאָג.

די געסטריגע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען אַרום 12 אַ זייגער בײַטאָג.

אַלע עדות זענען שוין אויסגעפאָרשט געוואָרען און מען טרעט צו אויסצוהערען די ערקלערונגען פון די עקספּערטען.

די כעמישע עקספּערטען מאַכען אין אַ בעזונדער צימער די עקספּערטיזע איבער די קאָנפיסקירטע סחורות.

נאָך אַ פּויזע פרעגט דאָס געריכט צו אויסצופאָרשען דעם ערשטען עקספּערט ה' וואַסילייעוו, געהילף־בוכהאַלטער פון דער רייכס־באַנק, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען אַלס עקספּערט איבער די קאָנפיסקירטע ביכער פון די אָבגעבראַנטע סקלאַדען, כדי פעסטצושטעלען, צי זיי זענען ריכטיג געפיהרט געוואָרען.

די ערקלערונגען פון דעם עקספּערט זענען זעהר וויכטיג פאַר דעם אויסגאַנג פון פּראָצעס און דעריבער ווערט ער אויסגעהערט מיט'ן גרעסטען אינטערעס. דער עקספּערט ערקלערט, אַז די ביכער געפינען זיך אין דער בעסטער אָרדנונג און קיין פאַלשקייטען געפינען זיך נישט אין זיי. דער עקספּערט קומט אויך צום בעשלוס, אַז די געשעפטען פון די בעשולדיגטע זענען נישט געווען קיין שלעכטע, וועלכע זאָל זיי האָבען געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלען מיט אַ ביין אונטערצינדען זייערע סחורה־לאַגערן, כדי צו בעקומען די אַסעקוראַנץ־פּרעמיע.

דאָס אויספאָרשען פון דעם עקספּערט האָט געדויערט דריטהאַלבען שעה און דאַן ווערט ערקלערט אַ פּויזע ביז 6 אַ זייגער פאַר נאַכט.

* *

נאָך דער פּויזע ווערען אויסגעפאָרשט די כעמישע עקספּערטען, וועלכע האָבען געמאַכט כעמישע אַנאַליזען איבער די קאָנפיסקירטע סחורות. די עקספּערטען ערקלערען, אַז אין די סחורות איז נישטאָ קיין שום שפּורען פון נאַפט. די ערקלערונגען פון אַלע עקספּערטען זענען געווען גינסטיג פאַר די בעשולדיגטע.

אַרום 10 אַ זייגער אין אָוונד ענדיגט זיך די זיצונג.

דאָס אויספאָרשען די עקספּערטען איז געענדיגט. היינט וועט רעדען דער פּראָקוראָר און די פערטהיידיגער. אַרום 12 אַ זייגער אין אָוונד ערוואַרט מען דעם אורטייל.

שלמה.

טעאַטער און מוזיק.

די מאַלאָראַסישע טרופּע אין „סקאַלאַ"־טעאַטער.

אין „סקאַלאַ"־טעאַטער גאַסטראָלירט איצט אַ מאַלאָראַסישע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון ה' הײַדעמאַקי.

הײַדעמאַקי'ס טרופּע בעשטעהט פון שטענדיג פון געקליבענע שוישפּילער, אויך איצט האָט די טרופּע זעהר גוטע שוישפּילער אַנ'אויסגעצייכענטען כאָר און טענצערס. אַ חוץ דעם האָט די טרופּע מיט זיך געבראַכט איינינע דעקאָראַציעס און די אַלגעמיינע אויסשטאַטונג מאַכען אַ זעהר גוטען אײַנדרוק.

ס'איז דערום קיין וואונדער נישט וואָס דעם בעזוך פון דער קליין־רוסישער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון הײַדעמאַקי'ן האָט אַרויסגערופען אַזאַ גרויסען אינטערעס אין דער שטאָדט און די ערשטע פאָרשטעלונגען, וואָס זענען שוין פאָרגעקומען זענען געווען גוט בעזוכט.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.
אַרויסגעבער: ע. האַמבורסקי. א. טענענבוים.

גרויסעס טהעאַטער
דיר. י. זאַנדבערג.
היינט דינסטאָג.
לטובת די אָרימע שילערין פון דעם מעדכען־גימנאַזיום פון מ' מ. וו. שרובקאַ.
גאַסטשפּיעל פון'ם גרויסען ענגלישען סטאַר ד. דירעקטאָר פון'ם פּאַוויליאָן־טהעאַטער
מר. מאָררים וואַקסמאַן
ס'ווערט געשפּיעלט די גרויסע קאָמישע אויסשטאַטונגס אָפּערעטע
דער פּוילישער יוד
די הויפּטראָלע „דער פּוילישער יוד" מ"ר מאָררים וואַקסמאַן.
אין דער אָפּערעטע „דער פּוילישער יוד" בעטהייליגט זיך אויסער אונזער גאַסט מ"ר מ א ר ר י ס וואַקסמאַן אונזער גאַנצער בעוואוסטער אַנסאַמבל.
אַנאָנס! מאָרגען מיטוואָך, 26 פעברואַר (11 מערץ) בענעפיס און עהרענאָבענד
פון'ם בעוואוסטען שוישפּילער און רעזשיסער פון דער טרופּע
מר. נ. איזיקאָוויטש
ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל אויף דער יודישער ביהנע דאָס מייסטערווערק פון דער פּאָפּולערער אויטאָרין מ' ס א פ י ע ב י ע ר א י א
ווער איז ער? ער איז אַ יוד
די הויפּטראָלע „מייער"—דער בענעפיציאַנט. אויסער דעם בענעפיציאַנטען בעטייליגען זיך אין דער פּיעסע אונזער גאַנצער בעוואוסטער אַנסאַמבל. אויספיהרליכעס אין די אַפישען און פּראָגראַמען. בילעטען טעגליך נור אין דער קאַסע פון גרויסען טהעאַטער.
בעמערקונג: יעדער איינציגער, וועלכער קויפט בילעטען אויסער נאָלעוויעס בעקומט גראַטיס אַ פאָטאָגראַפיע אין פערשיעדענע פאָזען פון'ם בענעפיציאַנטען אַלס אָנדענקען.
אַנאָנס! איבערמאָרגען דאָנערשטאָג לכבוד פּורים וועט געשפּיעלט ווערען אברהם גאָלדפאַדען'ס היסטאָרישע שעהנע אָפּערעטע.
„אחשורוש".
בילעטען קען מען שוין בעקומען.

ווילטיג פיר דאַמען!
וויר טהיילען ערגעבענסט מיט אַלע געעהרטע קליענטקעס, אַז צוליעב די פיעל בעשטעלונגען, וועלכע מיר בעקומען לעצטענס פון לאָדז און איהר אומגעגענד, האָבען מיר געעפענט
אין לאָדז אויף פּעטריקאָווער שטר. 90
אַ פיליע פון דער וואַרשויער פאַבריק פון
גאָרסעטען און אַנטיגאָרסעטען
„היגיענא"
אונזער פאַבריק, וועלכע עקזיסטירט פון יאָהר 1894 און איז בעשאַנקען מיט פיעל גאָלדענע מעדאַלען אין אויסשטעלונגען, אַרבייט אויס די בעסטע, מאָדערנסטע, שעהנסטע און בעקוועמסטע פאַרמען, בריסטהאַלטער, פּאַסאַנען. אונזער לאָדזער לאַגער איז אימער פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון פערטיגע גאָרסעטען פערשיעדענע שטאָפען אויך ביוסט־האַלטער, לײַב־בינדען א. ז. וו. בעשטעלונגען ווערען פערפערטיגט אין אונזער וואַרשויער פאַבריק אין פערלויף פון 24 שטונדען.
3 2 5239

צאָהנערצטליכער קאַבינעט
Dr. Med. Zacharow 5182
(געוו. פערוואַלטער און לעקטאָר פון אַ צאָהנ־ערצטליכע שוהלע)
ספּעציאַליטעט: מונד־הירורגיע צאָהן־קראַנקהייטען און קינסטליכע צעהנע.
פּעטריקויער שטר. 79.
עמפּפאַנגט פון 9½—2 און פון 4—8.

ד"ר י. ערעלבערג.
אַרצט פון לאָדזער פּאָסט־און טעלעגראַף.
וואוינט יעצט פּיעטריקויער № 59
געבורטס־הילפע, פרויען און קינדער קראַנקהייטען ספּעצ. זויגלינגס־קראַנקהייטען. פון 8—10 און פון 5—7 נאָכמיטאָג. אַרבייטער און אונבעמיטעלטע צאָהלען פיר קאָנסולטאַציאָן 60 קאָפּ.

ODEON
אַסטאַ ניעלסען אַלס מלאך'ל
פּיקאַנטע קאָמעדיע אין 6 טייל.
אויסער פּראָגראַם מאַקס'עס הינעראויגען
מיט דעם לאַך־קעניג פון דער וועלט מאַקס לינדער אין דער הויפּטראָלע. געוועהנליכע פּרייזען.

הערן־שניידער.
געזעלען הערען געבראויכט בײַ אידעשאַלק ציעגעלניע־שטר. 4. 4751

גינסטיגע געלעגענהייט.
עס איז דאָ ביליג צו פערקויפען איין נײַ־פאַנצערטע קאַסאַ־שראַנק צו ערפאַהרען בײַ קעמפּ פּאָלודניאָוואַ 12. 4753 3 1

Dr. Leon Grossman
וואוינט פּעטריקויער 88.
טעלעפאָן 34־31.
אינערע־ און נערווען־קראַנקהייטען.
שפּרעכשט. פון 9—11 און 4—7.

לערן יונגלעך.
פיר באַלדיגע צאָהלונג ווערען געבראויכט אין מײַן טאַפּעציער־אַנשטאַלט אויף ציעגעל שטר. 65 בײַ א. מ. טעפּלבערג. 4752

הערן־שניידער.
געזעלען הערען געבראויכט בײַ צעלניק ציעגעל שטר. 4 אין הויף פּאַרטער. 4750

ד"ר מ. וואָלפסאָהן
אינערע און קינדער־קראַנקהייטען
וואָלבאָרסקאַ 17 טעלעפאָן 3־24.
עמפּפאַנגט צו הויזע פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג, און פון 9 ביז 10½ פריה אין בעטער־קליניק זגיערזשער 15. 5184

אַ לערנמעדכען.
פון אַנשטענדיגע עלטערן פאַר דאַמען־קאָנפעקציאָנס־געשעפט ווערט געזוכט בײַ ... רינג 5, ערשטער שטאָק. 4710 1 3

CASINO
דעם קאַפּיטאַנ'ס קינד
קינעמאַטאָגראַפישער ראָמאַן אין 8 קאַפּיטלען. אַ בילד פון זעלטענער שפּאַנונג, גרויסאַרטיג אין דער אידעע, אויסגעהאַלטען אין שפּיעל אין רעזשי! אין העררליכע סצענעס אויפ'ן ים, אין וואונדערשענע בילדער פון דעם ברעג פון נאָרמאַנדיע, שטעלט פאַר דער פילם אַ זעהר שטימונגספולען פאָטאָגראַפישען רייץ! דער פילם האָט נאָך אַ גרעסערען ערפאָלג ווי דאָס בעריהמטע ווערק „דאָס קינד פון פּאַריז"! דער גרעסטער שלאַגער פון היינטיגען סעזאָן! אָנערקענט בעסטע מוזיק דער שטאָדט — פלים־פרײַע בילדער. — אונפערענדערטע פּרייזען.

טעאַטער „סקאַלאַ"
מאַלאָרוסישע טרופּע
אונטער דירעקציאָן ה' היידאַמאַקי.

היינט דינסטאָג
וועט געשפּילט ווערען
ביי בילינגע פּרייזען
אַ אָפּערעטע אין 3 אַקטען:

Наталка Полтавка

פון קאָט—לאַרעווסקי. ══ איינצעלהייטען אין די פּראָגראַמען.

צום שלוס אַ וואָדעוויל אין 1 אַקט
Оце такъ поженыхались
פון הייראַמאַקי.

לאָדזער יודישע
מוזיקאַליש-דראַמ.-געזעלשאַפט
„האַרפע".

פּאַסאַזש-שולץ 2 ענגלישער זאַל פּאַסאַזש-שולץ 2.
דאָנערשטאָג דעם 27-טען פעברואַר (12-טען מערץ) וועט פּאָרקומען

אַ גראַנדיעזער פּורים-אָוונד

מיט אַ רייכען מוזיקאַליש-ליטעראַרישען פּראָגראַם. מיט דעם אַנטייל פון בעוואוסטע אַרטיסטישע קרעפטען.
בילעטען שוין צו בעקומען אין פערא֞ינס-לאָקאַל (דלוגאַ 31 וו. 2) טעגליך פון 8 ביז 11 אָוונט, פאַר מיטגלידער ראַבאַט נאָר ביז דינסטאָג אָוונט.
געניוערעס אין די ווייטערדיגע אַנאָנסען.
5250 6-4

הונדערטע אַנערקענונגען!

איך צאַהל דאָס געלד צוריק!

אַ הערליך, איידעל גע-פאָרמטע ביוסט און ראָזא-ווייסע הויט בעקומט איהר דורך מיין „טאַדעללאַו". עס בילדעט נישט קיין פערפעטונג אין דער טאַליע און היפטען, אויסער-ליכע אנווענדונג. צאַהלרייכע אנערקענונגען. אַ גאַראַנטיע-שיין אויף ערפאָלג און אונשעדליכקייט. סעקרעטנע צוזענדונג נור דורך

Frau A. Nebelsiek Braunschweig Deutschland Breite Strasse 312.

1 דאָזע 2 רובל, 2 דאָזען 3,50. צור קור מייסט נור ערפאָר-דערליך. 3 דאָזען 5 רובל. פער נאַכנאַהמע 35 קאָפּ. מעהר. צאָל-פרייע אַ היימשיקונג. ביי פריהעריגער צאַהלונג דאַרף מען איינשיקען 30 קאָפּ. פאַר פּאָרטאָ.

איך בין ערשטוינט פון דעם קאָלאָסאַלען ערפאָלג, פאַר וואָס איך שפּרעכע אייך אויס מיין הערצל. דאַנק, און איך וואָלט אייך פריינדל. געבעטען מיר אַרויסצושיקען נאָך 2 דאָזען „טאַדעללאַו" ע. ב. אין א.

מיין פריינדין א. פּ. האָט פאַר אַ קורצע צייט אויסגעשריבען אייער „טאַדעללאַו" אין אַזוי ווי זי האָט דערמיט ערדייכט אַ ווירקליכען ערפאָלג בין איך אויך גרייט צו געברויכען אייער „טאַדעללאַו". שיקט מיר אַמן 2 דאָזען . . . . ק. מ. אין ג.

איך דאַנק אייך בעסטענס פאַר דעם צוזענדונג פון „טאַדעללאַו" און ערזוכע אייך מיר אַרויסצושיקען נאָך 3 דאָזען. די קור ווירקט פאָרטרעפליך און דו אויבען-אנגעגעבענע דאָזען בעשטעל איך אויך פאַר מיינע פריינדינס. . . . . א. פּ. אין א.

אָריגינעלע ערשטקלאַסיגע אַנערקענונגען ליגען גרייט פאַר יעדען. 5165 3

ענגדליך! נאָך לאַנגע צרות און אונטערשידליכע ליידען האָב איך ערפאַהרען וועגען אַ ערלייזונגס-מיטעל פון הוסט דאָס זע-נען די פּאַסטילען „ראַווענאַ" נאָכ'ן געברויך פון „ראַווענאַ" פאַר-שווינדען פאָלגענדע: הוסט, היי-זעריגקייט, בראָנכיט, אַסטמע און קאָקלוש. די פּאַסטילען „ראַווענאַ" זענען אויספּראָבירט און עמפּפאָהלען דורך דער פּעטערבורגער מעדיצין-ראַטה אונטער'ן № 361. אַ שאַכטעל 40 קאָפּ. צו ערהאַלטען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד אַפּטעקטשנעם. הויפּט-רעפּרעזענטאַנטען: 5059 6 5

М. Ротенбергъ и Х. Ювенъ, Варшава, Панская 20.

נייהייטען! ספּעציעל אויף פּורים! נייהייטען!
פריש איינגעטראָפען
פּערפומען, זייפען אונד קאָסמעטיק ביי
א. ראָזענטהאַל, דזיעלנאַ 14 (עקע ווסכאָדניאַ)
גרעסטער אונד עלעגאַנטעסטער אויסוואַהל מיט זעהר בילינגע פּרייזען.
● ביטע אויסצושניידען! ●
פאָרצייגער דיעזער אַנאָנסע קריגט ביים איינקויף פון 1 רובל אַמן בילדעט אין קינעמאַטאָגראַף, וועלכער איז גילטיג אַ גאַנצען מאָנאַט.
5243

אַדוואָקאַט
נ. וויינבערג
77 דלוגאַ 77
שפּרעכ. 8—11 פריה און 2—10 אַבענד. 5006
א. א. אויך מיליטערזאַכען און אַלער אַרט שתדלנות אין אַלע רעגירונגס-אַנשטאַלטען.

אַרפואה צו מאַגען קראַנקהייט!

ווער עס האָט נאָר אַ שוואַכען מאַגען זאָל אונבעדינגט קויפען דעם ספּעציעלען רויט-וויין № 100 וועלכער איז אַנערקענט פון אַלע פּראָפעסאָרען אויך בעקומט מען ביי מיר אַללער האַנד ווייןאינלענדישען און אויסלענדישען כרמל-וויין און קאָניאַקען, מעד, אַללערהאַנד געטראַנקען אויף פּורים, און פּסח און פערשיע-דענע דעליקאַטעסען צו הורט פּרייזען.
אַכטונגספאָל אַהרן לייזעראָוויטש,
קאָנסטאַנטינער 24. 4 2 5251

בעקאַנטמאַכונג.

די ווירטמסלייט פון דאַרף קראַשעוו מאַכען בעקאַנט, דאָס ווי יעדעס יאָהר ווירד אויך אויף דעם נעכסטען סעזאָן, פערדינגען זאַמער-וואָהנונגען. אַלע קלאַגען וועגען יודען, דאָס זיי איז איז נישט ערלויבט געוואָרען צו וואוינען אויף פויערישע ערד איז נישט ריכטיג. די איינגענטימער.
4740 דעם 9-טען מערץ 1914.

מאַקס, ווי אַהין געהסט דו?
צו ג. טעשנער
— אין —
מוזיק-געשעפט פּעטריקויער 30
צו קויפען אַ שלח מנות

תמיד דאָרט איז דער גרעסטער אויסוואַהל פון פידעלען, מאַנדאָלינען, ציטרען, שפּיעלוואַרק, גראַמאָפאָנען מיט אָדער אָהנע רויהרען און אויך פּלאַטען מיט די שענסטע אָפּערעטען-לידער „מאַגנאַ" און אַלע נייהייטען. 5191 5

בעקאַנטמאַכונג.

היערדורך מאַכע איך בעקאַנט מיינע לאַנגיעהריגע בעקאַנטע קונדשאַפט, דאָס איך דאָס

האָטעל „אייראָפּאַ"

לאָדז, זאַוואַדזקאַ № 7

שוין אין מיין בעזיץ גענאָמען האָבע אונד ווירד זאָלבעס גאַנץ ניי לויט מוסטער פון ערשטקלאַסיגע האָטעלס, מיט אַלער בעסטער בעקוועמליכקייט רעמאָנטירט.
איך האָפע, דאָס מיינע געעהרטע קונדשאַפט, געשטיצט אויף מיין לאַנגיעהריגען פּראַקטיס, ווידער זיך צו מיר מיט פאָלען צוטרויען בעציהען ווירד.
האָכאַכטענד
מיכאל קאַראַ.
5263 3 1

Gegenseitige Credit-Gesellschaft Lodzer Kaufleute und Industrieller

פּעטריקויער 17
2 1 5275

בעעהרט זיך היערמיט צור קענטניס דער הערען מיטגלידער צו ברינגען, דאָס אינפאָלגע דער ניכט צושטאַנדע געקאָמענען גענעראַל-פערזאַמלונג אַם 9-טען מערץ ד. י. די נעכסטפאָלגענדע

גענעראַל-פערזאַמלונג

דער מיטגלידער לויט § 35 דער סטאַטוטען, אַם 23-טען מערץ ד. י. אום 7 אוהר אַבענדס אים קאָנצערט-זאַל דזיעלנאַ שטר. 18 שטאַטפינדעט אונד אָהנע ריקזיכט אויף די צאָהל דער אַנוועזענדען מיטגלידער בעשלוססעהיג זיין ווירד.
רעכענשאַפטסבעריכט פיר דאָס יאָהר 1913 ווערדען אין לאָקאַלע דער געזעלשאַפט פערטיילט.

SFINKS.

די טויטע רעדען

די שפּאַנענדסטע דראַמע פון אַלע קינאָ-ווערק אין 6 טיילען.
דאָס גאַנצע בילד אין פאַרבען—וואונדערבאַרע קריענס-סצענען!
פּרייזען 15, 20 און 30 קאָפּ.

---

80 פּעטריקויער 80

דאָס טוך- און קאָרד-לאַגער פון
קאַהאַן עט שפּיעגעל
לאָדז, פּעטריקויער שטר. 80
עמפּפעהלען צום פריהלינג און זומער-סעזאָן אַ רייך אַסאָרטירטעס לאַגער פון
אין- און אויסלענדישע סחורות.
5236 2 בילליגע אָבער פעסטע פּרייזען.

צירק „קאָליזעי" טאַרגאָווי רינעק.
היינט דינסטאָג האַלב 9 אַ זייגער אין אָוונד אַ
גראַנדיעזע פאָרשטעלונג
קאָנקורס פון קערפּער-שעהנהייט און מוסקולאַטור
אויף 3 פּריזען, לויט דער מיינונג פון פּובליקום.
היינט קעמפען 4 פּאָר:
1) קעלט—ניראַלדי. 2) מאַראַזאָוואַ—ראָזענבערג II. 3) רויטע מאַס-קע—קאָוואַטש. 4) שעמטשענקאָ—גלאָוטשעוואַ.
אַדמיניסטראַטאָר מישעל.
אַנאָנס, די טעג וועט ניראַלדי אויספיהרען אַטלעטישע נומערן.

מחזורים של פּורים

עס איז פּשוט צו שטוינען, אין דער קאָנדיטאָריי פון מ. י. קנאַבעל נייער רינג № 11, פּער-פערטיגט זיך איין גרויסער אויס-וואַהל פון פאַנטאַזיע טאָרטען, ווי: מחזורים של פּורים, אַלבאָמען, בלו-מען קערבע און כרמל-ווין א. ז. וו.
3 2 אַלעס פון שאָקאָלאַדע 5249
אַרטיסטישע אויספיהרונג
איילט מיט אייערע בעשטעלונגען

Zawiadomienie.
Bar Versailles
Piotrkowska № 47 róg Zielonej
został otwarty.
4744

דר. ל. פּריבולסקי
פּאָלודניאָוואַ 2. טעל. 13-59.
ספּעציאַל-אַרצט פיר הויט, ווענערישע און האָאַר-קראַנקהייטען עט מענער-שוואַכע. אויף קאָסמעטישע פעלער. ביי נאַך עהרליך האַטאַ 914-606. בצרופּס שטערונג.
היילונג מיט עלעקטרי-ציטעט אונד וויבראַציאָנס-מאַסאַזש, שפּרעכ-שטונדען פון 9—1 אונד 4—8 פיר דא-מען 5—6.

פון אויסלאַנד צוריקגעקעהרט
דר. לעווקאָוויטש
הויט וועגערישע בלאַזען-ליידען אונד מענער שוואַכע. ביי סיפיליס 606—914
טריפּער = היילונג אָהן שפּריצוואַניעס לויט אַ נייע מעטהאָדע) קאָנסטאַנטי-נער שטר. 12 געגען וועלינס טעאַטער שפּרעכ'שטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאָכם. דאַמען פון 5—6.

ניי! לאַנג ערוואַרטעטע ניי!
פּאַרטער! ☞ ☜ פּאַרטער!
געעהרטעס פּובליקום! לאָזט אייך נישט נאַהרען מיט קיין נאָכגעמאַכ-טען פּאַרטער, פערלאַנגט נור איבעראַל דען אָריגינעלען פּאַרטער פון דער ברוידערע אויס זדונסקאַ-וואָלאַ, אונטער דער פירמאַ 4743 3 1
„Z. Anstadt, Zdunska-Wola"
דיעזער קאָסט נור מיט איינע קאָפּיקע טייערער אויף די פלאַשע, דאַפיר האָט יעדער אַ גוטען געזונס פון דיעזען. ביטע אונבעדינגט צו אַכטען אויף דער עטיקעטע „Zdunska-Wola" ווייל די פאָרגעהמענס זינד דאַ איינציגע.
הויפּטלאַגער: ווידזעווסקאַ 41, טעלעפאָן № 16.
פערטרעטער פיר לאָדז אונד אומגעגענד: ל. וועקסעלמאַן.

היערמיט דריקען וויר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל די פאַמיליע פון אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליעד נ"ע
אַברהם גאַלעווסקי
די פערוואַלטונג פון „לינת אורחים" 5276
אויפ'ן נאָמען פון פערשטאָרבענעם מ. ד. שעפנער.

נור פיר לאָדז און אומגעגענד!
די לאַנג עקזיסטירענדע פירמאַ בוכוויץ, וועלכע איז בעליעבט אין לאָדז, האָט יעצט געעפענט אויף פּאָלנאָצנאַ 18 איינע קאָנדיטאָריי, וועלכע האָט צום קינפטיגען פּורים אַ גרויסען אויסוואַהל פון פערשיעדענע טאָרטען, פּיראַ-מידען, מאַהן-באַבען פון 25 קאָפּ. ביז 5 רובל. ספּעציעל פערשיעדענע באָמבאָניערען. 4707 3 2 מיט אַכטונג ש. בוכוויץ.
בעמערקונג: רויט ווייס שילדען מיט עלעקטרישע לאַמפּע.

פלויסיגע מעטאַל-פּאָליטור, מאַכען דאָס שמוציגסטע מעטאַל שפּיגעלבלאַנק. נור עלט מיט 2 פאָהנען, צו בעקומען איבעראַל. פערטרעטער: גוסטאַוו ראָזענטהאַל, וואַרשוי—לאָדז. 4301 32 18

השבת אבדה
דען 2/5 ד"י איז פערלוירען געגאַנגען איין פּאַסט-ביכעל פיר רעקאָמאַנדירטע בריפע פון ח. ש. אַראָנאָוויטש. דער פינדער ווירד ערזוכט זאָלכע געגען גוטע בעלאָה-נונג אָבצוגעבען פּאַנסקאַ 86 וואָהנונג 24. 4735 3 1

נעדעריגס און זוממעריגס צו פער-פּאַרטינגען שטרימפּף, קענען זיך מעלדען אַנדזשעיאַ 29 אין דער בויד פון וואָדאַ-וואַסער. 4720

גוטעס ביער
נעהליג'ס און נוטען פּאַרטער קען מען אויף פּורים בילינג בעקומען אין ביער-לאַדען מענדעל, פראַנציסקאַנער 26, מיט גוטע בעהאַנדלונג. 4742 3 1

אַ קאַלאָניאַל-געוועלב
און אַ יאַטקע פון 1-טען אַפּריל צו פער-מיעטען, סקלאַדאָוואַ 18. 4741

מעבעל
שלאַפצימער: בעטען, מאַטראַצען, גאַרדע-ראָבען, וואַש-טיש אונד נאַכט-טישע, שפּייזע צימער: קרעדענס, אָטאָמאַנע, טיש, שטיהלע וואַנד-אוהר. סאַלאָן-מעבעל: אָטאָמאַניע קאַ-בינעט, סקווערצאָוואַ שטר. 5 וואָהנונג 4.
4625 4 3

Ищу сожительницу ученицу или барышню можно со столомъ. Всходняя 19 кв. 7. отъ 10—11 поп. и отъ 7—9 веч. 4673

Яковъ Фабисъ Іоссифовъ Хоровичъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Скерневицы, Варшавск. губ. Отдать въ полицію. 4711 3 2

Хацкель Бенціонъ Давидовъ потерялъ свой паспортъ, выдан. Новгородсѣверскимъ мѣщ. старост. Черниг. губ. Отдать въ полицію. 4710 3 2

אַ פּאַרטער לאָקאַל
פער וואָהנונג צו פערמיעטען פּעטריקויער שטר. 38 A צו ערפאַהרען דאָרטזעלבסט ביים פערוואַלטער. 9 16

2 איינגעפיהרטע רעזורס
אין בעסטען אָרדנונג זאָפאָרט צו פערקויפען פּאָלודניאָוואַ 25, קינאָס. 4717

Бейла Кохенъ потеряла свой паспортъ, выдан. магистр. гор. Стобницы Кѣл. губ. Отдать въ полицію. 3 1

Möbel
אייכענהאָלצער פון 3 צימער און קיכע זאָפאָרט צו פערקויפען, בעשטעהענד שלאַף-אונד שפּייז צימער, קאַבינעט. אַלעס פון אייכע האָס ווי נייע אויך פיגעם קילעק-איינריכטונג. צו בעזיכטיגען ציגעל שטר. 81. № 5, פראָנט 1 עטאַזש וואָהנ. 5. 6713

שניידער-געזעלען 4682
צו דאַמסקע אַרבייט און צו דאַמסקע מאַ-נטלען און בעשטעלטע אַרבייט ווערען גע-זוכט, פּאָלנאָצנאַ № 12 ביי לעווקאָוויטש.

שלעסער'ס רעשטען
דעם אַליינפערקויף פון זעמטליכע רעשטען אין שטיק ווי אויך אויף פונט דירעקט פון דער פאַבריק שלעסער אין אָזאָרקאָוו איז יעצט איבערגענומען געוואָרען אין לאָדז פּאָלנאָצנאַ 11 ביי פ. לאַנדאַו. 4597

מעבעל
אַברימהאָלצער פערקויפע איך מיין מעבעל בעשטעהענד: שענק, בעטען מיט מאַטראַ-צען, לעדער-אָטאָמאַנע, בעלגישער-שפּיע-געל, אויסשיעב-טיש, הענג-לאַמפּ, עכט-בראָנזע, וואַנדאוהר, אוטי-וואַלקע, בילדער א. ז. וו. שרעדניאַ 52 וו. 4. 4678

דאַמען 4239 1210
ווילס איהר האָבען שעהנע און פרימאַ שייטלען און אַ גרויסען אויסוואַהל, בעסטע אויסאַרבייטונג ווי אויך קעמען צו בילינגע פּרייזען, קומט איבערציינט אייך פּעטריקאָווער 31, 2 איינגאַנג לינקס, צו נור ר. בראַנדעס.

שוינט אייער געלד!
קומט און איבערציינט אייך!
גוואַלדריסען, לעכער אין פערש. שמאַפ-אַרבייטען ווערען פיינקטליך און פּראָמפּט, פון אַ גוטען פאַכמאַן, לויט מוסטער, צו בילינגע פּרייזען אויסגעפיהרט. פּעטריקויער № 31, רעכטס 3-טען איינגאַנג אָפיציגע, 3-טער שטאָק וואָהנ. 35, פ. שימקאָוויטש.
4236 12 8

5140 187

אַ גרויסער אויסוואַהל
אויף פּאָלודניאָוואַ 11 אין געשעפט פון קינדער-גאַרדעראָבען ווי אויך פערשיע-דענע שלאַפּרעקע און מונדורקעס פאַר אַלע שולען איז צו בעקומען צו בילינגע פּרייזען, בעשטעלונגען ווערען שנעל אויסגעפירט
מ. גלאַס, פּאָלודניאָוואַ 11.
4517 5 4

אַ ביי-פלאַן
איז מיטוואָך אין אָוונט פערלוירען גע-וואָרען וועלכער האָט פאַר קיינעם נישט קיין ווערט. אָבצוגעבען געגען בעלאָה-נונג אין אַדמיניסטראַציע פון לאָדזער טאַגעבלאַט. 3 3 4702

אַ דרעה באַנק
געברויכטע ווירד געזוכט צו קויפען, צו ערפאַהרען ביי דינאַבורסקי פּאָלודניאָוואַ 11 אין מעבעל-געשעפט. 4710

Potrzebne zdolne panny do pracowni sukień. Zawadzka № 26 m. 8. 4747

איין נייטערין
וועלכע נייט שטעה און אייפעל-פאָרהעמד-לער אויף וואַבנלאָהן קאָן זיך מעלדען אין דער וועשע-פאַבריק ביי יעקב וואַלמאַן פּעטריקויער № 14, פראָנט 2-טען שטאָק. 4738 2 1

Тип. М. Гамбурскій и Ко., Лодзь, Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбургскій. А. Танендаумъ